# קיום

## חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, קולטור און געזעלשאפטלעכע פראָבלעמען

קולטור-צענטער ב״ דער פעדעראַציע
פון ״ידישע געזעלשאפטן אין פראנקרייך

194[illegible] סעפטעמב.-אָקטאָ[illegible] **פאריז** אלול תש״ח — תשרי תש״ט

# אינהאַלט:


זייט

י. עפּרויקין — גזרות ת״ש — תש״ה . . . . . . . . . . 29—513

ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי — אַ העלף מיר דערציילן וואָס איך האָב געזען . . . . . . . . . . 34—530

ד״ר ישראל רובין — אַ נייע יידישע מענטאַליטעט . . . . . . . . . . 41—535

משה גראָסמאַן — קאָנוואַליעס (דערציילונג) . . . . . . . . . . 43—541

אברהם זאַק — אַן אָנדענק (ליד) . . . . . . . . . . 543

ח. שורער — פיר חדשים יידישע מלוכה . . . . . . . . . . 57—544

מרדכי שטריגלער — דער טויט פון שלמהלען דעם בעל-העגלה . . . . . . . . . . 57—547

ד״ר פיליפּ פרידמאַן — שולוועזן און דערציאונג אין דער שארית הפליטה אין דייטשלאַנד 65—557

רחל אויערבאַך — פוילישע שרייבער וועגן יידישן אומקום . . . . . . . . . . 73—566

א. ש. יוריס — פּראלעגאמענא צו אַן ארץ-ישראל-דראַמאַטורגיע . . . . . . . 80—574

יצחק יאַנאַסאָוויטש — אַ שטורעם (ליד) . . . . . . . . . . 580

א. ש. שטיין — דער מאָראַלישער אַספּעקט פון אונזער כוח . . . . . . . . . . 83—581

יחיאל אַראָנסאָן — די קינסטלערין חנה אָראָף . . . . . . . . . . 86—583

רקודה פּאָטאַש — אין ל״ג בעומר (ליד) . . . . . . . . . . 586

ח. הערמאַן — וועגן קאָסמישע שטראַלן, גראַוויטאַציע, מעזאָנען און ניי-טרינאָס 589—587

משה וואַלדמאַן — וויאַזוי מוסאָליני האָט געוואָלט ראַטעווען די יידן פון דייטש-לאַנד 593—590

אברהם זאַק — אויף אַ פרישן קבר (צום טויט פון פּ. הירשביין) . . . . . . . . 595—594

ד״ר יעקב מייטלים — לעאָ פינקלשטיינס „מגילת פוילן" . . . . . . . . . . 595

מלך ראַוויטש — אַ ראָמאַן וועגן אַ צוויי צענדליק פּאַריזער יידישע יאָרן . . . . 598—595

י. יאַנאַסאָוויטש — אַ פיין בוך וועגן גוט-יידישקייט אין אַמעריקע . . . . . . . . . . 599—598

— רעזאָלוציעס פון אַלוועלטלעכן קולטור-קאָנגרעס אין ניו-יאָרק 600—599

כראָניק

DEXTER FUND
Nov 24 1948

ח - תשרי תש״ט | נומער 9-10 | סעפּטעמבער-אָקטאָבער 1948

# קיום

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור,
קולטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען

אַרויסגעגעבן דורך
דעם קולטור - צענטער ביי
דער פעדעראַציע פון יידישע
געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך

ל עפּרויקין
מאַן-פייגענבוים
סעקרעטאַר :
עלבערג.

« KIYOUM » (Existence) Revue Mensuelle Littéraire N^os^ 9-10 Septeinbre-Octo

(פאַריז)

## גזרות ת״ש — תש״ה *)

### קדושים און טמאים

איצט אַ קוק טאָן ווי האָבן יידן אויסגע-
נסיון, א נסיון, וואָס נישט די אלגעמיינע,
ישע געשיכטע קען נישט זיינס גלייכן. און
שטאַרק אונטערגעשראָכן ווערן, כדי אויס-
ווערן טעות, ווען מען זאָל פּראָסט פאַרגלייכן
דעם אַמאָליקן יידן אין ציטן פון גזירות
דן פון דעם לעצטן חורבן. מיר וועלן נאָך
ער היינטיקער בילאַנץ איז, אויב מיר ווילן
מיט זיך אַליין, נישט קיין זייער געהויבענער.
זכות פון היינטיקן יידן מוז געזאָגט ווערן,
ערדיקער יידישער דור איז אַזוי נישט גע-
וואָרן. אַמאָליקע יידן, וואָס זיינען געשטעלט
דער ברירה: טויט אָדער שמד, און האָבן
דעם טויט, — זיינען אין מאָמענט פון נסיון
מאָלע מענטשן און די אייגענע גאַנצע יידן
ען פרייער געווען. דעם היינטיקן געטאָ-יידן
מען געפייניקט בהדרגה, אים דערנידעריקט
אים פאַמעלעך געמאַכט פאַר אויס מענטש,
האָט אים געבראַכט צו דעם צושטאַנד פון אַ
פון א גייסטיק באַשעפעניש אים פאַרוואַנדלט
ין ביאָלאָגיש וועזן, וואָס אים זיינען איבע-
בן נאָר די עלעמענטאַרע אינסטינקטן און
שן.

מקדים זיין דעם אַנאַליז פון די געשעענישן,
ווייטער קומען און זאָגן: יידן האָבן אויסגע-
ם פרייער-פּראָוו נישט ערגער פון אַנדערע, הגם
די אַנדערע, אפילו די פאַרשקלאַפטע אין די לאַגערן, האָבן זיך דאָך געפונען אין בעסערע באַדינגונגען ווי די יידן. צי האָבן יידן אַרויסגעוויזן מער גייסטיקע ווידערשטאַנדס-כחות ווי די אַנדערע, ווי מען וואָלט געקענט גוון געדאַרפט דערוואַרטן פון א פאָלק מיט אַזוינע לאַנגע גלאָרייכע טראַדיציעס פון קידוש השם, ווי דאָס אונזעריקע? — אויף דעם קען איך, אויפן סמך וואָס איך האָב געזען, געהערט און געלייענט, ליידער קיין פּאָזיטיווע תשובה נישט געבן.

ס'איז אמת, אז יידן אין די געטאָס, די הונגעריקע און נאַקעטע, האָבן געעפנט געהיימע שולן פאַר קינדער, פלעגן זיך צונויפקומען מתפלל צו זיין בצבור, הגם דאָס און יענץ איז אין געוויסע געטאָס און אַ געוויסער צייט געווען פאַרבונדן מיט אַ נישט קליינער ריזיקע; יידיש טעאַטער האָט געשפּילט; יידישע קאָנצערטן האָט מען געגעבן, לעקציעס און ליטעראַרישע פאָרלעזונגען האָט מען אָרגאַניזירט וכדומה. זעט מען דערין מיט רעכט אַן אויסדרוק פון יידישער גייסטיקייט, וואָס האָט זיך אַנטקעגן געשטעלט און זיך נישט געלאָזט אויסראָטן. ווייסן מיר אָבער שוין, אַז אויך קאַטאָליקן און פּאָליטישע גרופּעס האָבן דאָס אייגענע געטאָן אין די לאַגערן, הגם דאָרט האָט דאָס געשמעקט מיט עינוים, אויב נישט מיט טויט. אָבער שפּורן פון אַ יידיש-געזעלשאַפטלעך און אינטעלעקטועלן לעבן אין די לאַגערן, פון אַן אָרגאַניזירטער אַזוי גערופענער וועלטלעכער קולטור-אַרבעט, ווי דאָס האָט זיך סיסטעמאַטיש געפירט ביי גוים, געפינען מיר גאָר זעלטן. זעט איר — און דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער שטריך, וואָס מיר וועלן זיך נאָך מיט אים באַגעגענען — מיר שטויסן זיך יאָ אָן גאָר אָפט אין די באַשרייבונגען פונם יידישן לעבן אין די קאַצעטן אויף רעליגיעזע יידי-

*) „קיום" נומ. 7-8.

נאַטירלעכער גראַציע פון זשעסט און באַוועגונג, צו די פולקאָמענסטע פרויען־אַקטן אין דער פראַנצויזישער סקולפּטור וואָס איך האָב געזען אין די לעצטע יאָרן.

דאָס דאָזיקע מייסטערהאַפטע ווערק איז אַ וואונדערלעך געזאַנג צו דער מיסטעריעזער עראָטישער מאַכט פון דער פרוי. אין דער טענצערין האָט חנה אָרלאָף געלייזט אַ פּלאַסטישן פּראָבלעם, וואָס איז דער קעגנזאַץ פון פריערדיקן ווערק, וועלכעס ברענגט אַרויס די סטאַטיק און באַוועגלעכקייט פון שוואַנגערשאַפט, מאַסיוון פרויען־קערפּער. אין „די טענצערין" דאַכט זיך אונז, אַז דער קערפּער איז ביי געקומען זיין אייגענע לאַסט און שוועבט אין דער לופט. אַ הערלעכע פּאָעמע פון גראַציעזע אַראַבעסקן, פון מעלאָדישער און ריטמישער באַוועגונג, פון קעצישער, פאַרפירערישער פרויען שלאַנקייט, פון אַ מיטרייסנדיקער שפּיל פון בויגעוודיקע, ספּיראַלע ליניעס פון פרויען־קערפּער. אין אַ שטראַלנדיקער פּלאַסטישער פאָרם איז אויסגעדרוקט געוואָרן דער צויבער

פון דער טאַנץ־פּאָעזיע.

אַ טיפער ליריזם, אַ צאַרטער מיטפילנדיקער
פּליסט פון אירע לעצטע צייכענונגען פון מענ
זיינען צוריקגעקומען פון די מאָרד־לאַגערן. א
טיפער, פאַרקלערטער ליריזם דרינגט אַרויס פ
פון אירע לעצטע פּאָרטרעטן, ווי דער אויסג
פּאָרטרעט פון מאַראַם יאַרבלום. דורך אַ סינ
קאָנצענטרירטער פּלאַסטישער פאָרם, וואו דאָ
איז אויסגעשיילט, האָט די קינסטלערין געגעבן
מאָנטן פּאָרטרעט דאָס גייסטיקע געזיכט פון
שער פרוי, פון דער יידישער מוטער. און צום
איך אונטערשטרייכן די שטרעבונג פון חנה
סינטעזירן, קלאָר צו מאַכן און קריסטאַליזירן
סטישע פאָרם, וואָס גייט ביי איר צוזאַמען מיט
נערלעכן באַגער זיך זעלבסט צו דערקענען אין
מיקן. ווייל יעדעס אמתע קונסט־ווערק, איז א
אָפּשפּיגלונג פון זיין שעפערס גייסט.

## רקודה פּאָטאַש (ירושלים)

# אין ל"ג בעומר

שמעון הצדיקס קבר
שטייט פאַרלאָזט פאַריגלט
ס'האָט זיך אויפן הימל
אַ וואָלקן איצט געשפּיגלט —

ס'האָט זיך אויפן הימל
א זיווג איצט צעריסן — —

ס'האָט פונקט געבליט
אַ בוים.

מיט ווייסן עפּל־צוויט
און דער זעלבער
דער אינוואַליד
וואָס האָט נישט מער קיין
אויגן

און אויך נישט ביידע הענט,
האָט פּלוצים זיך מיידל
אין בלינדקייט דערקענט — —

זי האָט אים געבראַכט
אין קראַנקן־הויז
אַ קליינע האַלב־צעבליטע
רויז —

זיי זיינען געזעסן
האַרט נעבן זיך;
ער האָט מיט זיין שיך
באַרירט אירע ווייסע שיך — —

און זי האָט געשמייכלט
אַ טרויעריקן שמייכל —
דערנאָך האָבן זיינע אַמפּוטירטע
הענט
געוואָלט ארומנעמען אירע — —
דערציילן איר פון זיין גבורה — —

וואָס עס זיינען געווען די
קאַמפן ביי שער שכם
ווער ס'האָט געשלאָגן
און ווער ס'איז געוואָרן
געשלאָגן — —

נאָר פּלוצים האָט דאָס מיידל געזאָגט:
—פאַר אַכטאָגן —

און מער האָבן אירע ליפּן
די ווייכע די דינע
קיין ווערטער נישט געפונען — —

זי האָט מיט איינמאָל
דערזען זיינע פאַרלאָשענע אויגן
די אָפּגעריסענע הענט — —

שמעון הצדיקס קבר
שטייט פאַרלאָזט פאַריגלט;
ס'האָט זיך אויפן הימל
אַ וואָלקן איצט געשפּיגלט — —